STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11280

PAPIR UN ZAYN GESHIKHTE

Abner Tannenbaum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאפיר און זיין געשיכטע.

שטיינער, ביינער, בלעטטער, האלץ,
וואקס, און גראז, אלס פאפיער
אין פערשיעדענע צייטען
און פערשיעדענע
פעלקער.

— פון —

א. טאננענבוים.

היברו פאבלישינג קאמפאני
83-85-87 קאנאל סטריט, ניו-יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.

פאפיער און זיין געשיכטע.

שטיינער, ביינער, בלעטטער, האלץ, וואקס און גראז, אלס פאפיער אין פערשיעדענע צייטען אין פערשיעדענע פעלקער.

פון א. טאננענבוים.

וויא בילליג איז היינט פאפיער! וויא געדולדיג איז דאס פאפיער! עס איז זעהר מעגליך, אז נור דערפאר איז דאס פאפיער אזוי געדולדיג, ווייל עס איז זעהר בילליג, אמאל, אין דיא גאנץ אלטע צייטען, איז עס ניט געוועזן אזוי געדולדיג, אים געגענטהייל, עס פלעגט זיין זעהר ערנסט און יעדעס ווארט וואס איז געוועזן אנגעשריעבען אויף פאפיער, איז געוועזן הייליג, ווייל דאס פאפיער פלעגט דאמאלס זיין זעהר טהייער.

אויף פלעגען מענשען שרייבען, איידער מען האט אויסגעפונען דאס פאפיער? — אויף דיעזער פראגע איז ניט זעהר שווער צו אנטווארטען. וויא עס ווייזט אויס, איז דאס ערשטע מאטעריאל, אויף וועלכע מענשען האבען אנגעהויבען צו מאכען צייכענס — צו שרייבען, געוועזן דיא בוימרינדע, דיא קארע פון א בוים. ווען דער יעגער לאמיר זאגען דער ערשטער נמרוד, איז געגאנגען אין וואלד און האט מורא געהאט, ער זאל זיך ניט פעראיררען—פערבלאנזעט ווערן, פלעגט ער מאכען א צייכען אין דער רונדע—קארע — פון דיא בוימער, אום ער זאל וויסען וויא אזוי צוריק צוגעהן.

ווען צוויא יעגער פלעגען אפרעדען, זיי זאלען זיך בעגעגענען אין א געוויססען ארט, פלעגען זיי אויסשניידען מיט זייערע מעסער געוויססע צייכענס אין דער רינדע פון א בוים.

דיא ווילדע אינדיאנער פון אמעריקא פלעגען ערשט גאר ניט לאנג, ערשט מיט הונדערט יאהר צוריק, געברויכען נור דיעזעס שרייב מאטעריאל. ווען איין הויפטלינג פלעגט דארפען שיקען א נאכריכט, א ביטע, א מעלדונג אדער אן איינלאדונג צום אנדערען הויפטלינג, פלעגט ער אויסקריצען גע־

ווישע צייכענס, זאָגאר פיגורען פון מענשען
און טהיערע, אויף א שטיק בוימרינדע--
קאָרע — פון א בוים, און פלעגט עס איהם
צושיקען דורך א פלינקען יעגער אדער
קריעגער.

דיא אצטעקען, דיא פעלקער פון מעק-
סיקא איידער קאָרטעס האט אַפּגענומען
מעקסיקא, פלעגען זאָגאר שרייבען זייער גע-
שיכטע און אלע בעפעהלע פון זייערע הער-
שער אויף בוימרינדע. מען געפינט נאך
יעצט אין מעקסיקא אזעלכע דאקומענטע
און מען האלט זיי אלס זעהר טהייערע זעל-
טענהייטען אין דיא מוזעען פון אמעריקא.

מערקווירדיג איז עס, וואס דאס גריע-
כישער וואָרט „ביבלאָס" און דאס לאטייני-
שע וואָרט „ליבער" בעדייטען אורשפּרינג-
ליך דיא רינדע פון א בוים, שפּעטער האָ-
בען זיי בעקוממען דיא בעדייטונג פון א בוך
און דארום הייסט אונזער תנ"ך די ביבעל,
דאס הייסט, דאס בוך, אבער דיא ביבעל
איז שוין געשריבען געוואָרן ניט אויף רינדע
— קאָרע — פון בוימער, זאָנדערן אויף
שטיינער, ריכטיגער נאך אויף טאפלען פון
פון שטיינער, לוחות האבנים. אין חומש
געפינען מיר עטליכע מאָל, אז משה האט
געשריעבען דיא תורה אויף שטיינער.

אבער נאך פיעלע הונדערטער יאָהרען
פאר משה האבען שוין מענשען אנגעהויבען
צו שרייבען אויף שטיינער, וויא מיר געפי-
נען זיי אין אלטען אסיריען, ארמעניען, בע-

זאָנדערס אבער אין עגיפּטען. אין אלטען
אסיריען — אשור, אין ארמעניען פלעגט
מען שרייבען, דאס הייסט אויסקריצען גע-
ווישע צייכענס, אויף דיא שטיינער פון דיא
בערג. דיעזע זיטטע — מאָדע — האט געדוי-
ערט ביז אין 4טען יאהרהונדערט פאר
קריסטוס. נאך קעניג דאראס היסטאספּיס:
דער דריוש פון דער ביבעל, האט געהייסען
אויסקריצען זיינע העלדענטהאטען אויף דעם
בערג מטען שטיין פון בעהישטון, וואו עס
געפינט זיך נאך היינט, פון וואנען דער גע-
לערענטער סער הענרי ראָולאָנסאָן האט
פאָטאָגראפירט, קאָפּירט און ערקלעהרט
דיעזע פיר דיא וועלט געשיכטע דיא וויכטי-
גע דאָקומענטע.

אין עגיפּטען, אלטען מצרים, האט מען
שוין געמאכט א שריט פאָרווערטס: אנ-
שטאט צו שרייבען אויף דיא שטיינער פון
דיא בערג, האט מען אויסגעהאקט דיעזע
שטיינער, זייא געבראכט נאך מצרים געבוים
פון זיי גרויסע געביידען — פיראמידען, און
אויף דיעזע פיראמידען אויסגעקריצט ציי-
כענס, בילדער און בוכשטאבען, דיא זאָגע-
נאנטע היעראָגליפען שריפט, וועלכע דער-
צעהלען פון דיא העלדענטהאטען פון דיע
עגיפּטישע קעניגע.

דער שריפטשטעלער, דער לעהרער-
דער שרייבער פלעגט דארום הייסען אין יענע
צייטען מ ח ו ס ק, דער קריצער, דער
גראווירער. נאך מיינער מיינונג איז דאס די

בעדייטונג פון דער שטעלע אין שירת דבורה: מני מכיר ירדו מחוקקים ומזבולון מושכי בשבט סופר (שופטים ה, 14), די דיא ריכטיגע איבערזעצונג וועט לויטען: פון מכיר זיינען געקומען היעראָגליפען שרייבער און פון זבולון מעננער, וועלכע דען שרייבער פּינזעל פיהרען.

אין בבל, אָדער אין לאנד שנער־שני נהר, דיא געגענד, וועלכע ליעגט צווישען די טייכען אייפראַט — פרת, און טיגרים — חידקל, געפינט מען אבער קיינע שטיינער, וויל דאס לאנד איז זעהר ניעדעריג און זיא בעשטעהט פון אלו־וויאל ערד, דאס הייסט ערד, וועלכע דיא טייכען ברענגען פון דיא בערג. אין בבל זיינען אלזאָ קיינע שטיינער דאָ, דיא מענשען זיינען געפאַלען אויף דעם געדאַנק צו מאַכען קינסטליכע שטיינער, דאס הייסט, צו מאַכען לעהמענע צילענדער, לעהמענע ציגעל צו שרייבען אויף זיי, ווען וויא זיינען נאך געוועזען פייכט און וויך, און דאַן זיי צו ברענגען, צו מאַכען פון זיי קינסטליכע שטיינער. — אויף דיעזער ארט האט זיך אויסגעבילדעט דיא גרויסע קעניגליכע ביבליאָטהעק פון דעם אסירישען קעניג אשור־בני־פל, אדער סארדאנאפאל, וויא דיא גריעכישע שרייבער האבען עס פערדאָרבען און פערדרעהט.

דיעזע גרויסע קעניגליכע ביבליאָטהעק פון מעהר אלס דרייסיג טויזענד לעהמענע טאַפּלען געפינט זיך יעצט אין ענגלאַנד, אין בריטישען מוזעאום אין לאָנדאָן.

וויא עס ווייזט אויס, האבען אויך דיא עגיפּטער בענוצט לעהם, ריכטיגער נאך ציעגעל, אום צו פערשרייבען דיא בעגעבענהייטען פון זייער געשיכטע. דער געלערנטער פעטרי האט זאָגאר ארויס געפישט פון טייך נילוס פיעלע אזעלכע דאָקומענטען. דער אלטער נילוס האט געמוזט ארויסגעבען זיינע אוצרות: געברענטע ציעגעל, אויף וועלכע עס זיינען פערצייכענט אין א בילדערשריפט דיא העלדענטהאַטען פון די קעניגע טהאטמעס III. און רעמסעס II.

ארום טראָגען מיט זיך ציעגעל מיט אויפשריפטען איז אבער ניט גאנץ אנגענעהם און דארום האט א קלוגער קאָפּ אויסגעפונען, אז עס איז פיעל לייכטער און פיעל בעקוועמער ארומצוטראָגען מיט זיך טאָפּעלן פון מעטאל, בעזאָנדערס פון בראָנז.

אין גריכענלאַנד און אין ראָם פלעגט יעדער געבילדעטער מענש נאך אין דעם יאָהרהונדערט פאר קריסטוס ארומטראָגען מיט זיך בלייענע אדער בראָנזענע טאפעלן אויף וועלכע ער פלעגט אויסקריצען מיט א שארפּען אייזערנעם אינסטרומענט אלעס, וואס ער האָט געפונען פאר נעטהיג. אזוי וויא היינט טראָגט ארום יעדער געבילדעטער מאן מיט זיך א נאָטיץ בוך, אזוי פלעגט דאמאָלס יעדער געבילדעטער מענש טראָגען קעשענע א מעטאלענע טאפעל.

אבער אויך מעטאל איז צו שווער צו

טראָגען מיט זיך, און דאָרום איז א קלוגע מענשען איינגעפאַללען, אז האָלץ איז פונקט אזוי גוט, וויא מעטאַלל און מען האט געהייבען צו מאכען טאפלען פון האָלץ. אנפאנגס פלעגען דיעזע טאפעלן זיין פון נאַטור האָלץ, אויף וועלכע מען פלעגט קריצען בוכשטאַבען און צייכענס מיט א שארפען אייזערנעם אינסטרומענט. פיעלע רומישע קייסער פלעגען ארויסגעבען זייערע בעפעהלע אויף א זעלכע טאפעלן. שפעטער האט וויעדער איינער אויסגעטראכט צו פארבען דיעזע הילצערנע טאפעלן ווייס און צו שרייבען אויף זייא מיט קאָהלע, מיט שווארצע אָדער מיט רויטע פארב.

דיעזע ווייס געפארבטע האָלצטאפעלן האבען געהייסען „אלבום“ Allbum, ווייס, ווייסע, דערפאר איז געבליעבען בייא אונז דאס וואָרט אלבום פיר א ריינעס ווייסעס בוך, אויף וועלכען מען דארף ערשט עפעס אנשרייבען. שפעטער האט מען אָנגעהויבען צו געברויכען דאס וואָרט א ל ב ו ם פאר א בוך, אין וועלכען מען קען ארייגשטעללען פאטאגראפישע בילדער.

דאס איז געווען אין גריעכענלאנד אין רוים, אין אלטען עגיפטען אבער האט מען אויסגעפונען אנאנדער מאטעריאל, אבעסערעס מאטעריאל צושרייבען דארויף, און צוואר דער פאפירוס. דיא אידעע צו שרייבען אויף דיא הויט פון דעם גראז פאפירוס איז געקומען דערפון, וואס געליעבטע פלעגען אויסקריצען זייערע נעמען און זייערע צייכענס אויף בלעטער פון בוימער, בעזאָנדערס אבער אויף דיא הארטע בלעטטער פון דער פאלמע, לולב, אדער פון דער אלאָע, אלהות, אהלות, אין העברעאישע. ווען דיא פאלמע בלעטטער, לולב, זיינען נאך פריש און גרין, קען מען אויף זייא זעהר לייכט אויסקריצען בוכשטאבען און צייכענס מיט א מעסער אדער מיט א שארפען שטיין.

דער פאפירוס איז א פלאנצע, א גראז, וועלכע וואקסט גאנץ הויך, א סאָרט ראָהר — קאמיש אויף רוסיש, טשערעט, סטאָל אויף קליין רוסיש און רוטהעניש. עס וואקסט ביז 15 פוס הויך. דיא זומפען ארום דעם טייך נילוס זיינען געדיכט בעוואקסען מיט דיעזער פלאנצע, וויא אין אנדערע לענדער געוועהנליכער ראָהר, בונזען, קאמיש. דיא אראבער רופען עס ב א ב י ר, ווייל זייא האבען קיין „פ“ אין זייער שפראכע. דיא עגיפטער פלעגען עס רופען און רופען עס נאך היינט „פאפיר“, דיא גריעכען האבען צוגעזעצט דיא ענדונג „וס“ און האבען עס גערופען „פ א פ י ר ו ס“.

דער פאפירוס איז א זעהר ניטצליכע פלאנצע. זיינע וואָרצלען ווערען געגעססען רוי, געקאכט, געבראָטען און געפרעגעלט. פון זיין שטענגעל מאכט מען שטריק, דינע פעדים, מאטען און זאָגאר קליידער. דיא טויטע קערפער פון דיא עגיפטער, דיא דיא איינבאלזאמירטע „חנוטים“, פלעגט

מען איינוויקלען אין מאטע־געוועבטע שטאַפען, פון פאפירוס. טריקענט מען אוים דיא בלעטער פון פאפירוס און מען צוזאַמהלט זיי אויף מעהל, זיינען זיי א פאַרטרעפליכעס שכאַף מיטעל, וועלכעס דיא רייכע עגיפטער און אראבער געברויכען נאָך היינט.

אום צו מאכען פאפיער פון דיעזער פלאַנצע, מוז מען זיא אָפּשניידען. ווען זיא איז נאָך גרין און זאפטיג, דאן צושפאלט מען זיא און מען שעלט ארוים דאס ווייכע און זאפטיגע, ביז עס בלייבען נור צוויי דינע הויטען, דיא אויסערע, גראָבע הויט, און די אינערע, פיינע, צארטע הויט. דיעזע ביידע הויטען דיענען אלס שרייב מאטעריאלע פאפיער. מען גלייכט זיי אוים, מען פרעסט זיי אוים, מען גלעטעט זיי אוים און מען טריקענט זיי אוים. ווען זיי זיינען גאנץ טרוקען, שרייבט מען אויף זייא מיט א פינזעל און מיט שווארצער פארב.

א שטיק פאפירוס, וועלכעס איז צעהן פוס דיא לענג און וויא א מענשען האנד דיא ברייט, פלעגט אמאָל קאָסטען אונגעפעהר אן אמעריקאנער דאלאר, אדער צוויי רוסישע רובעל. דאס איז אבער געוועזן שוין דער בילינסטער פרייז פון א בוינען פאפירוס. ווען מען זאָל וועלען פערגלייכען דעם איצטיגען פרייז פון א בוינען פאפירוס. ווען מען זאָל וועלען פערגלייכען דעם איצטיגען פריז פון א בוינען פאפיער פון לומפען־שמאַטעס, מיט דעם פרייז פון א שטיק פאפירוס אין אלטען עגיפטען, וועט מען געפינען, אז פאפיער איז דאמאָלס געוועזן זעהר טהייער און דער אָרימער מענש האט גאָר ניט געקענט צוקומען צו א שטיקעל פאפיער.

אזוי וויא דער פאפירוס איז געוועזן זעהר דין און זעהר צארט, און פלעגט נאָך דערצו קאָסטען זעהר טהייער, פלעגט מען שרייבען נור אויף איין זייט און נור גאנץ וויכטיגע דאָקומענטען. אזוי וויא דער פאפירוס קען אלט ווערען און זיך ברעקלען, פלעגט מען איהם אויפקלעפען אויף ליינוואנד. אויף דיזער ארט זיינען דיא דאָקומענטען, געשריעבען אויף פאפירוס געבליעבען גאנץ אין א צייט פון טויזענדער יאהרען.

אין דיא גאנץ אלטע צייטען פלעגט דער פאפירוס זיין דאס איינציגע לייכטע שרייב מאטעריאל. אן אלטע געשיכטע דערצעהלט, אז אין דער צייט פון קעניג פטאָלמאוס פילאדעלפאס, אָדער פטאָלמאוס II, אין 3טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס האט א קעניג פון קליין אזיען עפעס בעליידיגט קעניג פטאלמעאוס און קעניג פטאלמעאוס האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאָל ניט פערקויפען קיין פאפיער נאך קליין אזיען. דיא איינוואוינער פון קליין אזיען האבען זיך געפיהלט זעהר שלעכט, זיי האבען ניט געהאט אויף וואס צו שרייבען, דאן האט א קלוגער מאן פון דער שטאָדט פערגאמאָס אויסגעפונען, אז מען קען שרייבען אויף דיא פעל פון טהיערע און ער האט אויסגעפונען

דאס פערגאמענט פארמעט. עס הייסט דאַרום פערגאמענט, ווייל עס שטאמט פון דער שטאָדט פערגאמום.

זייט דאמאָלס האט זיך ענטוויקעלט די אינדוסטריע פון פערגאמענט און דיא אידען האבען עס אויך אנגענומען און האבען אָנגעהויבען צו שרייבען זייערע הייליגע ביכער אויף פערגאמענט־פארמעט.

ערשט אין 11טען יאהרהונדערט האבען דיא אראבער געבראכט פון כינא פאפיער, געמאכט פון בוימוואָל — „ביינוויל". ווייא די גייסטע פאָרשונגען בעווייזען, האבען דיא ביגזען ערפונדען דיא קונסט צו מאכען פאַפיער פון פלאקס און בוימוואָל. אראבישע קויפלייטע, וועלכע האבען געהאנדעלט מיט כינא, האבען צום ערשטען מאָל געבראכט אזא סאָרט פאפיער נאָך אזיען און אייראָפא.

מען ווייסט אויף מיט פאקטע, אז שוין אין 7טען יאהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג האבען זיך געפונען פאבריקען פון פאפיער פון פראקס און בוימוואָל אין דיא שטעדט סאמארקאנד און בוכארא אין מיטעל אזיען. אלענפאלס האט מען היינט נור איין איינציגעס דאָקומענט געשריעבען אויף אזא פאפיער פון 1074 און צוואר א דיפלאָם פון דעם דייטשען קייזער היינריך IV.

דיא ערשטע פאבריק צו מאכען פאפיער פון בוימוואָל איז געגרינדעט געוואָרען אין 1340 אין דער איטאליענישער שטאָדט אנקאָנא. 1390 האט זיך געגרינדעט אזא פאבריק אין דער שטאָדט נירנבערג און אין 1470 אין דער שטאָדט באזעל אין דער שווייץ.

א קלוגער האָללענדער האט אויסגעפונען, אז מען דארף ניט מאכען פאפיער פון שטיקער בוימוואָל שטאָף, זאָנדערן פון שטיקלעך, פון אבפעלע, פון לומפען־שמאטעס, וועלכע קאָסטען פיעל ביליגער. דאס האָללענדישע פאפיער פלעגט אויך אמאָל בעטראכט ווערען אלס דאס בעסטע און דאס ביליגסטע.

אין 1820 האט א דייטשער פאבריקאנט אויסגעטראכט וויא צו מאכען א בויגען פאַפיער פון הונדערט מעטער דיא לענג, שפּעטער האט אן אנדערער דייטשער פאבריקאנט אויסגעפונען, אז מען קען מאכען פאַפיער פון האָלץ, ווען מען זאָל צומאָהלען דאס האָלץ. אין אייראָפא ווערט יעצט פאבריצירט מעהר אלס 32 מיליאָן צענטנער האָלץ פאפיער. אלע צייטונגען ווערען געדרוקט אויסשליעסליך אויף האָלץ פאפיער.

האָלץ איז אלזא געווען דאס ערשטע שרייבמאטעריאל און דערווייל איז עס אויך דאס לעצטע. וואס ווייטער וועט זיין, וועלען אונזערע קינדער און קינדס קינדער בעשרייבען.

— וועמען האט איהר געזאגט, האט אייער פריינד געהייראטה.

— צעהן טויזענד דאָלער. איך זאב פערגעסען דעם נאמען פון דער כלה.

נחמו נחמו עמי!

עס איז אָב, דער הייסעסטער מאָנאַט פון יאהר. ירושלים איז איינגענומען. ווילדע באַנדען פון רוימישעס סאלדאטען געהען ארום אין שטאָדט און רויבען, וואָס זיי קענען, און מאָרדען, וועמען זיי טרעפען.

דאס הייליגטהום פון אידישען פאלק דער בית־המקדש, ברענט. אויב טיטוס, דער אָבער־קאמאנדירענדער גענעראל פון דיא רוימער, האָט געהייסען איהם אונטערצינדען, אָדער א ווילדער רוימישער סאלדאט, וועלכער איז פערוואונדעט געווארען פון א שטיין, וועלכען מען האָט אויף איהם געווארפען פון טעמפעל, האָט פאר צאָרן און פערדרוס אונטערגעצונדען דעם טעמפעל, ווייס מען ניט גענוי. מען ווייס נור, אז דער טעמפעל ברענט.

מען ווייס ווידער, אז מען האָט זיך ניט געלאזען, אז מען האָט געקעמפפט פיר יעדען שפאן ערד, אז מען האָט פערגאסען זיין בלוט פאר יעדען שטיין פון דיעזען טעמפעל; מען ווייס, אז א קליינע הייפעלע, אין דער קריעגס קונסט ניט געאיבטע, מיליטעריש ניט געלערנטע אידען האָבען מעהר אלס צוויי יאהר אויסגעהאלטען א בעלאגערונג פון א גרויסער, פעהיגער, טיכטיגער, געאיבטער און געשיקטער ארמעע פון דעם אללמעכטיגען ראָם.

מען האָט אלזא געטאָהן אלעס מעגליכע אום זיך צו ערהאלטען, אום צו בלייבען ביי דיעזען הייליגטהום, ביי זיין נאציאנאליטעט און ביי זיין זעלבסטשטענדיגקייט, אָבער עס האָט ניט געהאלפען. דיא מאכט האָט געזיעגט, דער הונגער און דיא נויט האָבען בעזיעגט, און דער גערייצטער, ערביטערטער פיינד, ווייס יעצט פון קיינע שוינונג, פון קיין ערבארמען, פון קיין מיטלייד און פון קיין מענשליכקייט. יהודה איז צערטרעטען אונטער דיא פיס פון דעם שטאלצען, אונבארמהערציגען זיעגער.

ווען אן אַנדער פאלק וואלט זיך געפונען אין אזא טרויעריגער לאגע, וואלט עס אונטערגעגאנגען אָדער זיך פערמישט מיט דעם זיעגער.

אין 1794 האָט פוילען זיך געפונען אין א פיעל בעסערער לאגע, וויא יהודה אין מאָנאט אב פון דעם יאהר 70. דער פאלנישער העלד טהאדעאוס קאסציושקאָ האָט נאָך געהאט אן ארמעע און פוילען האָט נאָך געהאט א שאָטען פון זעלבסטשטענדיגקייט, און דאך ווען דער רוססישער גענעראל סואוואראָוו האָט איהם געשלאגען אם 10טען אקטאבער ביים שטעדטיל מאָצעוויצע און קאסציושקא איז פערוואונדעט געווארען און אראָפגעפאלען פון זיין פערד, האָט ער אויס־

גערופען:

Finis Poloniae א סוף פון פוילען!

פוילען איז מעהר ניטא.

ווען יהודה איז בעזיעגט געווארען דען 9טען אב אין יאהר 70, האט דער לעצטער אידישער גענעראל שמעון בר גיורא, ניט אויסגערופען: Finis Judaiae א סוף פון יהודה! זאנדערען: „וניקיתי דמם!“ עס וועט נאך קומען א צייט, ווען עס וועט גענומען ווערן ראכע (נקמה) פיר דאס פערגאסענע בלוט פון מיין פאלק.

דא האבען מיר א לעבענדיגעס בייי־שפיעל פון צוויי העלדען, וועלכע האבען געקעמפפט ביז צום לעצטען טראפען בלוט פאר זייער פאלק,ביידע זיינען בע־זיעגט געווארען, ביידע זיינען געפאנגען געווארען און ביידע האבען געזעהען דאס אונגליק פון זייער פאלק. דער פאלנישער העלד, וועלכער האט געלעבט אין 18טען יאהרהונדערט, אין א הויך ציוויליזירטען יאהרהונדערט, האט אויסגערופען: „א סוף פון פוילען!“ דער אידישער העלד, וועלכער האט געלעבט אין ערשטען יאהר־הונדערט, אין א ווילדען, יאהרהונדערט, האט פעסט געגלויבט, אז זיין פאלק איז ניט אונטערגעגאנגען און וועט ניט אונ־טערגעהן, און דארום נחמו, נחמו עמי!

נחמו, נחמו עמי! טרייסטעט, טרייי־סטעט מיין פאלק! דאס פאלענטהום איז ווירקליך אונטערגעגאנגען מיט דער גע־פאנגענשאפט פון טהאדרעאוס קאסציושקא און מיט דעם בראנד פון פראגא. דאס יודענטהום איז ניט אונטערגעגאנגען ניט מיט דעם געפאנגענשאפט פון שמעון בן גיורא און ניט מיט דעם בראנד פון דעם טעמפעל.

דאס בית המקדש איז פערברענט געווארען, אבער דאס יודענטהום איז שוין געווען אזוי שטארק, אז עס האט ניט גע־דארפט א טעמפעל. איזה בית תבנו ואיזה מקום מנוחתי? וואס פאר א הויז קענט איהר מיר בויען און וואו קען דען זיין דער פלאץ, וואו איך זאל רוהען? האט שוין געפרעגט א פריהערדיגער נביא.

בויען א טעמפעל, הייסט גרינדען א מיטעלפונקט, א צענטראל פונקט, וואו דיא מאסע, דאס פאלק זאל געפינען זיין אידעאל, וואס דאס פאלק זאל זיך פער־זאמלען ביי גליקליכע און אונגליקליכע אנגעלעגענהייטען, אין פריידען און ליי־דען, אין לוסט און שמערץ און זאל דארט אויסגיעסען זיין הערץ, אויסדריקען זיינע געפיהלע.

דערצו דארף מען אבער קיין טעמ־פעל. דערצו דארף מען קיין בעזאנדע־רעס הויז. השמים כסאי והארץ הדום רגלי, דער הימעל איז מיין טראהן און דיא ערד איז דאס בייגעלע פון מיינע פיס, וואו איהר וועט רופען צו מיר, דארט וועל איך אייך הערען און וואו איהר וועט זיך פער־

זאמלען און עס מיינען ערנסט, דאָרט וועט איהר מיך געפינען.

ירושלים איז צערשטערט, גרינדעט א מיטעלפונקט, א צענטרום אין יאמניא (יבנה), ריכטעט אייך דאָרט איין א שוהלע, אן אוניווערסיטעט, א בילדונגס טעמפעל, א סנהדרין פון גרויסע און עדעלע מענער און יבנה וועט זיין דאָס נייע ירושלים.

נאָך מעהר, אנשטאָט איין טעמפעל אין ירושלים, גרינדעט פיעלע טעמפעל פון לערנען, פון וויסען, פון קענען, פון מענשענליעבע און גאָטעס־פורכט — יראת שמים — אין אלע לענדער, אין אלע געגענדען וואו איהר וועט אייך בעזעצען, און דארום נחמו, נחמו עמי!

נחמו, נחמו עמי! גערארע אין דיא ערשטע צייטען נאָך דיא צערשטערונג פון ירושלים, נאָך דעם חורבן בית המקדש, זיינען אויפגעשטאנען מענער, וועלכע האָבען אויפגעהויבען דאָס יודענטהום און האבען עס געמאכט פאר א וועלט מאכט.

אין ערשטען און צווייטען יאהרהונדערט געפינען מיר גרויסע, רייכע און אנגעזעהענע אידישע געמיינדען אין אלע וועלט טהיילע. מיר האָבען ליידער זעהר וועניג דאָקומענטען איבער דיא אידישע געמיינדען פון יענער צייט, מיר מוזען זיך בעגניגען מיט ווינקע און מיט אָנדייטונגען, אָבער דיעזע ווינקע, אָנדייטונגען און שפורען בעווייזען אונז קלאָר און דייטליך, אז נור ירושלים איז צערשטערט געוואָרען, אָבער ניט דאָס אידישע פאָלק, נור דער טעמפעל איז פערברענט געוואָרען, אָבער ניט דאָס יודענטהום, ניט דיא לעהרען און ניט דער גייסט פון יודענטהום.

דער תלמוד האָט דאָס אויסגעדריקט זעהר שעהן אין זיין בלומענשפראכע, ווען ער דערצעהלט: בעת ששרף טיטוס את התורה, היו גוילין נשרפין ואותיות פורחות. ווען טיטוס האָט פערברענט דיא תורה, איז פערברענט געוואָרען נור דאָס פערגאמענט — פארמענט, — דיא בוכשטאבען אָבער, דער גייסט פון דער תורה, האָבען אוועקגעשוועבט, אוועקגעפלויגען אין אלע עקען און ענדען פון דער וועלט און זיינען געבליעבען רוהען דאָרט, וואו עס האָבען זיך געפונען איינינע אידען.

רבי עקיבא, איינער פון דיא גרעסטע אידישע געלערנטע און איינער פון דיא פייערינסטע אידישע פאַטריאָטען, — רבי עקיבא דערצעהלט: כשהלכתי לגליא, ווען ער איז געפאָהרען נאָך גאַליען, דאָס לאנד, וואָס הייסט יעצט פראנקרייך.

אין פראנקרייך האָבען זיך בעזעצט פיעלע אידען נאָך פאר דעם חורבן, ארכילאוס, דער זוהן פון קעניג הורדוס,

איז פערשיקט געוואָרען פון קייזער אויגוסטוס נאָך גאַלליען, פראַנקרייך. מיט איהם זיינען פערשיקט געוואָרען פיעלע אידען, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט. וואהרשיינליך אין דער שטאָדט מאַרסייל, וועלכע איז שוין דאמאָלס געווען א גרויסע שטאָדט און א וויכטיגער פאָרט ביים מיטטעלענדישען מעער.

רבי עקיבא איז אין יאָהר 125—128 געפאָהרען נאָך פראַנקרייך זעהן, וואָס זיינען ברידער טוהען דאָרט און פיעלייכט אויך זיי צו בעלעהרען און זיי צו בעפעסטיגען אין זייער גלויבען.

דערזעלבער רבי עקיבא דערצעהלט: כשהלכתי לאפריקא, ווען איך בין געפאָהרען נאָך אפריקא. ער איז אלזאָ אויך געווען אין אפריקא, וואהרשיינליך אין עגיפטען, טריפאלים, טונוס, אלזשיר, וואו עס האָבען זיך דאמאָלס געפונען גרויסע, רייכע און אנגעזעהענע אידישע געמיינדען.

צו וועלכען צוועק רבי עקיבא האָט געמאַכט אזא שווערע און געפעהרליכע רייזע, איז אונז ניט בעקאַנט, אָבער גאַנץ אומזיסט איז דאָך דיעזער מערקווירדיגסטער מאַן פון אידישען פאָלק ניט ארומגעפאָהרען.

עס איז מעהר אלס וואהרשיינליך, אז רבי עקיבא איז ארומגעפאָהרען צו פערשפרייטען זיינע שטרייננגע אָבער ערהאבענע לעהרען פון גאָט, מענש און מענשהייט. עס איז אויך מעהר אלס וואהרשיינליך, אז רבי עקיבא האָט געוואָלט בעקרעפטיגען דאָס נייע יודענטהום, א פאָלק אָהן א לאַנד, א רעליגיאָן אָהן א טעמפעל און אָהן א קלאַסע גייסטליכע, זאָנדערן יעדער גוטער, עדעלער און געלערנטער מענש איז גייסטליכער, לעהרער און פיהרער פון זיין געמיינדע.

רבי עקיבא פלעגט ערקלעהרען, פאַר וואָס שטעהט דאָס וואָרט „את“ אין דעם פסוק ויראת את ד' אלהיך? — לרבות תלמידי חכמים. עהרן, שעצען און אַכטען דאַרף מען ניט דעם געבאָרענעם אריסטאָקראַט, דעם כהן, דעם לוי, דעם פרינץ פון דער קעניגליכער פאַמיליע, זאָנדערן דעם תלמיד חכם, דעם געלערנטען, עדלען מענשען.

רבי עקיבא איז אלזאָ געווען דער עכטער דעמאָקראַט, דער וואהרער פאָלקספריינד, וועלכער האָט געלערנט, אז אלע מענשען זיינען גלייך און נור בילדונג, גוטהערציגקייט און גוטע טהאַטען מאַכען דעם מענשען גרויס און עדעל. ממזר תלמיד חכם קודם לכהן גדול עם הארץ. א געבילדעטער, גוטער און עדעלער ממזר שטעהט העכער אלס א געבאָרענער כהן, אלס אַן אריסטאָקראַט, א טויגעניכטס.

דאָס האָט געלערנט רבי עקיבא און די מענשהייט האָט געמוזט ליידען און

בהוטען טויזענדער יאהרען, ביז אלע הא־בען אנערקענט דיעזע גרויסע לעהרע פון רבי עקיבא, און דארום נחמו, נחמו עמי!

נחמו, נחמו עמי! אין אמעריקא האט מען צוערשט אנערקענט דיעזע וואהרהייט און דיא אמעריקאנער קאנ־סטיטושען איז איז געגרינדעט אויף דיע־זען גרונדשטיין: ממזר תלמיד חכם קודם לכהן גדול עם הארץ.

נאך און נאך, שריט ביי שריט הויבט אן דיא מענשהייט צו פיהלען און צו פער־שטעהן דיא גרויסע לעהרען, וועלכע דאס יודענטהום האט אויסגעארבייטט געראדע אין דער ערשטער צייט נאך אין גרעס־טעס אונגליק, און וואס וויטער, ווערט עס אלץ העלער, אלץ קלארער, אלץ דייט־ליכער, אז דאס יודענטהום איז דיא לעה־רע פון מענשליכקייט און ברודערליעבע און דארום נחמו, נחמו עמי!

א. טאננענבוים.

מגלת רות.

אלס א מערקווירדיגעס היסטארישעס דאקומענט.

פון א. טאנענבוים.

עס איז א מנהג פון אלע צייטען, אז שבועות לעזט מען מגלת רות, א קליינעס ביכעלע, וועלכעס לעזט זיך גיכער אלס א ראמאן, אלס א קורצע ריהרענדע ערצעהלונג, וויא אלס א הייליגעס בוך.

פון וואנען האט זיך גענומען דיעזער מנהג? ווער האט איהם איינגעפיהרט? פאר וואס זאל מען דאס בוך רות אדער מגלת רות לעזען גראדע אום שבועות, אין דעם טאג, ווען די אידישע רעליגיאן איז געגרינדעט געווארען? — דאס וויס איך ניט, און דארויף קען איך קיינע ריכטיגע אנטווארט געבען!

איינס אבער פערשטעה איך, אז די מגלה רות, אז דיעזעס קליינע בוך איז א וואהרעס, מערקווירדיגעס, וויכטיגעס היסטארישעס דאקומענט, וועלכעס איז ווירקליך ווערטה, אז מען זאל עס ניט נור מורמלען מיט די ליפען, זאנדערן מען זאל עס אויך בעסער פערשטעהן און בעסער שעצען.

מגלת רות לעזט זיך, וויא א ראמאן, און עס איז אויך א ראמאן, ריכטיגער נאך, דער ערשטער פערזוך, די ערשטע פראבע צו שרייבען א ראמאן, און דיעזע ערשטע פראבע איז געמאכט געווארען מיט מעהר אלס צוויא טויזענד יאהר צוריק.

וואס איז דען א ראמאן? וויא אזוי שרייבט מען א ראמאן, מען דענקט געוועהנליך, אז א ראמאן ווערט אויסגעטראכט, דאס איז אבער ניט וואהר. ווער עס האט זיך גוט צוגעקוקט צו א ראמאן, ווער עס האט אויסשטודירט דעם שטאף, דאס מאטעריאל פון א ראמאן, ווער עס פערשטעהט וואס א ראמאן איז און וויא אזוי א ראמאן ווערט געשריעבען, דער וויס, אז דער גרונד, דער פונדאמענט, פון יעדען ראמאן איז דאס לעבען, דאס געוועהנליכע לעבען, אלזא — די וואהרהייט, אבער די וואהרהייט ווערט פערפוצט, פערציערט, אנגעטאהן מיט שעהנע קליידער פון

דער פאנטאזיע פון דעם שרייבער און דיכטער.

דער קלוגער היינריך היינע האט זיך ניט געשעהמט עס ארויסצוזאגען פרייא און אפען. ער זינגט עס אין זיינע שעפּפונגס ליעדער:

דער שטאף, דאס מאטעריאל דעס געדיכטס,
דאס זויגט זיך ניכט אויס דעם פינגער.
קיין גאט ערשאפט דיא וועלט אויס ניכטס,
זא וועניג, וויא ערדישע זינגער.

פון גאר נישט ווערט גאר נישט. מען מוז עפּעס האבען אום עפּעס צו מאכען. ווען מען גיט דעם וועבער רויטע, בלויע, גרינע, שווארצע, ווייסע, געלע און פורפורנע פעדים, מאכט ער דערפון א שעהנעם שטאף, א שעהנע מאטעריע.

ווען מען גיט א פעהיגען שרייבער געוויסע פאקטען, גרויסע בעגעבענהייטען, געוויסע פאסירונגען אין לעבען פון איין איינציגען מענשען אדער פון א גאנצעם פאלק, וועבט ער אויס פון זייא א גאנצעס קלייד אדער ווענינסטענס א גאנץ לאנגעס שטיק מאטעריא, פון וועלכען אנאנדער קינסטלער, א שניידער, מאכט שפעטער א שעהנעס קלייד.

זעלבסטפערשטענדליך, אז דער שניידער מוז אויך עפּעס צוגעבען פון זיין קונסט אדער פון זיין פאנטאזיע: בלומען, שפיצען, ביילוג, צולוג, טרימטינג און דערגלייכען.

אויף דיעזער ארט זיינען געשריעבען געווארען, פאבריצירט געווארען, געמאכט געווארען דיא בעסטע און ערגסטע ראמאנען. דער אונטערשיעד פון א גוטען און שלעכטען ראמאן בעשטעהט נור דארין, וואס א גוטען ראמאן האט געמאכט א גרויסער קינסטלער, א בעריהמטער שניידער, א שלעכטען ראמאן אבער האט געמאכט א פארטאטש, א פושער, א האנדוועדקער, וועלכער קען ניט און פערשטעהט ניט זיין האנדווערק.

מגלת רות איז פערפאסט געווארען פון א גרויסען קינסטלער, עס איז געמאכט געווארען פון א גאנץ גוטען שניידער, אבער דיעזער שניידער האט געלעבט מיט עטליכע און צוואנציג הונדערט יאהר צוריק, ווען מענשען האבען נאך ניט פערשטאנען, וויא אזוי צו שעצען א גוטען שניידער, זיי האבען דאמאלס נאך גאר ניט געוואוסט, וואס עס הייסט א גוטער שניידער, אזוי וויא זייא האבען ניט געוואוסט און ניט פערשטאנען, וואס עס הייסט א ראמאן.

יעצט ערשט, ווען מיר האבען געלעזען און פערשטאנען גוטע און שלעכטע ראמאנען, קענען מיר פערשטעהן און אורטהיילען איבער מגלת רות, וואס דיעזער ראמאן לערנט אונז און וואס ער בעצוועקט.

דיא גרונד אידעע פון דיעזען ראמאן, דיא באזיס אדער פונדאמענט פון דיעזען ראמאן איז א פאקט, וועלכער האט ווירקליך פאסירט.

אמאל איז געווען א שרעקליכער הונגער אין לאנד יהודה. פיעלע אידען האבען געמוזט אויסוואנדערן און זוכען ברויט און היא זיך צו ערנעהרען אין פרעמדע לענדער. צווישען דיעזע עמיגראנטען האט זיך געפונען א אידישע פאמיליע, וועלכע איז בעשטאנען פון א פאטער, אלימלך, א מוטער, נעמי, און א צווייא זיהן.

זיי האבען זיך בעזעצט אין לאנד מואב און האבען דארט געפונען בעשעפטיגונג. ווען זייא האבען זיך אביסעל ארויפגעארבייטעט, האבען דיא צווייא יונגע לייט געהייראטהעט.

דאן אבער איז אויסגעבראכען א קראנקהייט, אן עפידעמיע, און אלע דרייא מענער זיינען געשטארבען, עס זיינען געבליעבען לעבען נור דיא פרויען, דיא אלטע נעמי מיט איהרע צווייא שנור. זיי זיינען געבליבען גאנץ אליין, און אין דער גרעסטער ארימקייט.

אזוי וויא אין לאנד יהודה איז דאמאלס קיינע קראנקהייט געווען, האבען זייא זיך ענטשלאסען צו פאהרען נאך דעם לאנד יהודה.

אזא געשיכטע קען פאסירען יעדען טאג און זיא פאסירט אויך. דאס איז דער הויפט פאקט פון דיעזען ראמאן, דער פונדאמענט פון דיעזער ערצעהלונג.

יעצט אבער הייבט זיך אן דיא פאנטאזיע פון דעם שרייבער, דיא ארבייט פון דעם שניידער.

דיעזער שניידער צושניידעט דאס שטיק שטאף און מאכט דארויס א קלייד, דער ראמאן שרייבער הייבט אן צוזושניידען זיין מאטעריאל און בעטראכט יעדעס שטיק בעזונדער.

ער מאלט כאראקטערע, מענשען טיפען, ער מאכט איין אונטערשיעד צווישען דיא צווייא שניר.

ערפה און רות זיינען ביידע מענשען, אבער ערפה איז א געוועהנליכע פרוי, וועלכע האט צוואר זעהר ליעב איהר שוויעגער נעמי, אבער איהר פאטערלאנד, איהרע פערוואנדטע, איהרע פריינד, איהרע בעקאנטע, זיינען איהר דאך ליעבער. זייא וויינט, ווען זיא מוז זיך צושיידען מיט איהר גוטער שוויעגער, אבער זיא צושיידט זיך דאך מיט איהר.

א גאנץ אנדערער כאראקטער איז רות. זיא האט העכערע, עדלערע, ערהאבענערע געפיהלע.

קוים האט זיא ליעב בעקומען איהר שוויעגער-מוטער, וויל זיא זיך פון איהר ניט שיידען.

„איך וויים, אז דיר איז יעצט זעהר שלעכט", זאגט זיא צו איהר שוויעגער־מוטער, „און וויל דיר איז יעצט שלעכט, וויל איך דיך ניט לאזען אליין געהן. באשר תלכי אלך ובאשר תליני אלין, עמך עמי ואלהיך אלהי. וואו דוא וועסט געהן, וועל איך געהן מיט דיר; וואו דוא וועסט

טאָגען און נאַכטען, דאָרט וועל איך ..ען און נאַכטען; דיין פאָלק וועט זיין מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט.״

דאס איז דער ראָמאַן, דאס איז דיא פאַנטאַזיע פון דעם שרייבער, דאס זיינען געדאַנקען און רייד, וועלכע דער שרייבער נעברויכט אום צו פערציערען, צו פערפוצען, צו פערשעהנערן דעם פאַקט, צו מאַכען פון דעם שטאָף א שעהנעס קלייד.

דער שרייבער פון מגלת רות בעגניגט זיך אָבער ניט דערמיט, ער געהט ווייטער: ער מאָלט אוים לעבעדיגע בילדער פון יענער צייט און ערקלערט אונז זאַכען, פון וועלכע מיר האבען יעצט קיינע אידעע.

זאָ, צום ביישפיעל, ערקלערט ער אונז, וויא אזוי ארבייט געבער און ארבייטער פלעגען זיך פערטראָגען אין יענער צייט.

דער פאַרמער בועז קומט צו זיינע אר־בייטער און בעגריסט זיי העפליך, פריינדליך און הערצליך: ויאמר לקוצרים: ד׳ עמכם! ויאמרו לו: יברכך ד׳!

ער האט זייא בעגריסט מיט דיא ווערטער:

„גאָט זאָל זיין מיט אייך, אָדער גאָט זאָל אייך העלפען!״

און זיי האבען איהם געענטפערט:

„גאָט׳ס ברכה זאָל זיין מיט דיר! אָדער גאָט זאָל דיך בענשען.״

אכזאָ, מיט טויזענדער יאָהרען צוריק האבען שוין אנשטענדיגע מענשען געוואוסט וויא אזוי זיך צו בעגעהן מיט ארבייטער, וויא אזוי צו זיין העפליך נעגען זיי, וויא אזוי זייא צו בעגריסען.

דאס איז א כאראַקטערצוג פון גוטע, עדעלע מענשען. גראָבעס בענעהמען, גראָבע ווערטער און בעליידיגונגען פון א בעל־הבית, א באָס, צייגען, אז דיעזער באָס איז א גראָבער, שלעכטער, פערדאָרבענער מענש.

ווען מען קוקט זיך צו צו דעם גאנצען בענעהמען פון דעם רייכען פאַרמער בועז, ווען מען פערשטעהט, וויא פריינדליך, וויא הערצליך, וויא עדעל ער האט בעהאנדעלט זיינע ארבייטער, מעג מען שטאָלץ זיין מיט אזא מאַן, וועלכער האט אין יענע ווילדע צייטען שוין געוואוסט, וואס עס הייסט קאפּיטאַל און ארבייט, און האט געטאָהן אלעס, וואס ער האט נור געקענט אום צו מאכען, אז דער ארבייטער זאָל ניט פיהלען זיין שווערע לאגע.

אזא גוטעס, עדעלעס בענעהמען פון א באָס, געפינט מען היינט זעהר זעלטען זאָגאר צווישען געבילדעטע ארבייט־געבער.

דער שרייבער פון מגלת רות מאָלט אונז אָבער נאך אנדערע זעלטענע בילדער. ער וויזט אונז, וויא אזוי מען פלעגט אין יענע צייטען מאכען געשעפטען, קויפען און פער־קויפען גרונד־איינענטהום, ריעלעסטייט.

וזאת לפנים בישראל על הגאולה ועל התמורה שלף איש נעלו ונתן לרעהו, וזאת התעודה בישראל.

אין דיא אלטע צייטען פלעגט אין ישראל זיין איינגעפיהרט, אז ווען מען האט אפגעשלאסען א געשעפט, פלעגט דער קויפער אדער פערקויפער אויסטאהן זיין שוך און איהם געבען דעם אנדערן. וזאת התעודה בישראל, דאס פלעגט זיין א דאקומענט אין ישראל.

דיעזער פסוק ערקלערט אונז דיא אידעע פון חליצה. היינט ווען מען שרייבט אפ א געשעפט, ניט איינער דעם אנדערן דיא האנד; דאמאלס פלעגט איינער דעם אנדערן געבען דעם שוך אלס צייכען, אז זיין ווארט איז הייליג און זיין אפמאך איז עהרליך און געטרייא.

ווע איינער פלעגט אבער ניט האלטען קיין ווארט און ברעכען זיין קאנטראקט, פלעגט מען איהם א שליידער טאהן דעם שוך אין פנים און איהם אנשפייען אינ'ם געזיכט. דאס איז געוועז דאמאלס דיא גרעסטע שאנדע.

מיר פערשטעהן אלזא, וואס עס הייסט: „ויקרא שמו בישראל בית חלוץ הנעל". דיעזער מאן האט זיין עהרענווארט ניט געהאלטען, דארום האט מען איהם געווארפען א שוך אין געזיכט און ער איז באיקאטירט, געשענדעט.

דער ראמאן מגלת רות לערנט אונז ווייטער, אז אלע וויכטיגע געשעפטע פלעגען אפגעמאכט ווערען אונטער דעם פרייען הימעל, פאר דעם טויער פון שטאדט, פאר אלע מענשען.

פיעלע געלערנטע ביבעל פארשער און ביבעל ערקלערער פון דער נייער צייט, האבען אויפמערקזאם געמאכט אויף מגלת רות אלס אויף איינס פון דיא וויכטיגסטע היסטארישע דאקומענטען, אין וועלכען עס ווערען אפגעמאלט פון א גרויסען קינסטלער דיא זיטען (מדות), געברויכע (מנהגים) און דאס גאנצע לעבען פון אידישען פאלק אין יענע צייטען אזוי וואהר, אזוי ריכטיג און אזוי געטריי, אז מיר לערנען פון דיעזעס בוך דיא געשיכטע פון יענע צייטען.

מגלת רות איז אלזא א שפיעגעל פון דער פערגאנגענהייט, א וואהרער שפיעגעל פון דעם לעבען פון איינפאכע, עהרליכע און גוטע מענשען.

און דארום ווערט זיא געלעזען יעדען שבועות, אלס עראינערונג אן דיא פערגאנגענהייט און בעלעהרונג פיר דיא צוקונפט

דיא צרות פון א טענעמענט־הויז.

מיסעס: (צום בארדער) וואס טהוט איהר מיט דיא וואסער אין שיסעל?

בארדער: איך וואש זיך איין.

מיסעס: דיא וואסער האב איך אנגעגרייט צו קאכען דעם דינער. דער סינק האט געסטאפט. נישקשה אז איהר וועט זיך ניט וואשען א טאג.

יום תרועה

דער טאג פון אלארם (טרעוואגע)

פון א. טאנענבום.

מלך ממלט מרעה לוזדעי תרועת
(פיוט לראש השנה).

דור הולך ודור בא, איין גענעראציא נעהט אוועק און דיא צווייטע גענעראציאן קומט און פערנעהמט איהר פלאץ. אבער זיא וועט אויך לאנג ניט בלייבען. זיא וועט מאכען פלאץ פאר א דריטע און דיא דריטע וועט מאכען פלאץ פאר א פיערטע.

איבעראל, וואוהין מיר בליקען, זעהען מיר ענדערונגען און וועקסעל, קיין זאך געדויערט, קיין זאך בלייבט, קיין זאך שטעהט אויף איין ארט. ווען מיר זעהען א טייך פליעסען, דאכט זיך אונז, אז עס איז שטענדיג דאס זעלבע וואסער און דאך ווייסען מיר גאנץ גוט, אז מיט יעדער סעקונדע ענדערט זיך דאס וואסער, מיט יעדער צעהנטעל סעקונדע קומט דיא פרישעס וואסער און דאס אלטע געהט אוועק.

דיא נאכט פערדרענגט דעם טאג און זיא ווערט פערדרענגט פון דעם צווייטען טאג. אזוי פערגעהען וואכען, מאנאטען און יאהרען. מיר האבען נור וואס געהאט דעם ליעבען זומער, ווען אלעס איז געווען גרין, אלעס האט געבליהט און געוואקסען; מיר האבען שוין דעם הערבסט, ווען

אלעס שטארבט אפ און פערגעהט; באלד וועט קומען דער שטרענגער ווינטער וועל־כער פערניכטעט יעדעס לעבען פון זומער, און אויך ער וועט ניט לאנג דויערען, א יונגער פריהלינג וועט קומען און וועט פערנעהמען זיין פלאץ.

אויך אין מענשען ענדערט זיך אלעס. וויא שנעל פערשווינדען דיא גליקליכע יוגענד יאהרען מיט זייערע קינדישע פריידען און ליידען. פון דעם קינד ווערט א מאן, וועלכער האט צו קעמפפען מיט אנדערע זארגען און שמערצען, און איי־דער ער קוקט זיך אום קומט אן דאס על־טער מיט זיינע נאטירליכע ליידען.

אלעס ענדערט זיך, אלעס פערגעהט, אלעס פערשווינדעט, אלעס וועקסעלט זיין פארם און זיין געשטאלט. וואס בלייבט אבער? וואס איז שטארקער פון דעם טויט און פערניכטונג וואס דוי־ערט אייביג? — דאס גאנצע: דיא ערדה, דער טייך, דער מענש, דאס פאלק, וואס דויערט אייביג? דיא קראפט. רופט דיזע קראפט, וויא איהר ווילט: רופט זיא נא־טור, רופט זיא אייביגעס געזעץ, רופט זיא גאט, רופט זיא דער וועלט גייסט, — נור דיזע קראפט בלייבט אייביג, נור דיזע קראפט בעהערשט דיא וועלט און בעשטימט דאס שיקזאל פון מענשען, לענדער, פעלקער און נאציאנען.

נור דיזע קראפט, אדער נור דיזער גייסט מאכט אזוי ליעבליך דאס יונגע גייסט מאכט דעם מענשען צום מענשען, צום בעוואוסטען פערשטענדליכען מענ־שען, וועלכער קען פון צייט צו צייט זיך אליין געבען רעכענונג איבער דעם, וואס ער האט אויפגעטאהן און וואס עס קען בלייבען פון איהם אויף א לענגערע צייט אדער זאגאר אויף אייביג.

נור דיזע קראפט אדער דיזער קינד; נור דיזע קראפט גיט דעם מענ־שען אין זיינע מיטעלע יאהרען זיין ווערטה, זיין שטאלץ, זיין לוסט צו וויר־קען און צו שאפען, נור דיזע קראפט מאכט דעם אלטען מאן אדער פרוי אזוי עהרווירדיג, אזוי אכטונגס ווערטה, אזוי אנגענעהם און אזוי בעליעבט; נור דיזע קראפט מאכט א פאלק גרויס און שטאלץ. עס לעבען טויזענדער ווילדע פעלקער, פון וועלכע מען ווייס קוים, פון וועלכע מען קען קוים דעם נאמען, וועלכע האבען זא־גאר קיין ווערטה, אז מען זאל זיי קענען, וועלכע האבען אין זיך קיין אינטערעסע, אז מען זאל זיך מיט זיי בעשעפטיגען. זיי לעבען און שטארבען, וויא דיא ווילדע גראזען אין דיא וועלדער, אויף וועלכע קיינער קוקט זיך ניט אום קיינער וויל פון זיי ניט וויסען.

נור א פאלק, וועלכעס האט געווירקט, געשאפט, עפעס געטאהן פאר זיך און פאר אנדערע, בלייבט אוי אייביג, ווייל

איז איהם האט זיך ארויסגעוויעזען דיזע זאנדערבארע, אונבעקאנטע, אונערפאר־שטע, אונפערשטענדליכע קראפט, וועלכע מיר רופען גאטטהייט.

וויא אזוי לעבט אבער אזא פאלק? וויא אזוי ווירקט עס? וויא אזוי שאפט עס? וויא אזוי האט עס אן איינפלוס אויף דיא גאנצע מענשהייט?

דארויף האט אונזער קעניגליכער דיכטער, דוד המלך, געאנטווארטעט גאנץ קורץ: אשרי העם יודעי תרועה, ד" באור פניך יהליכון. גליקליך איז דאס פאלק, וועלכעס וויים פון א טאג פון אלארם, פון א טאג פון טרעוואגא, פון א טאג, ווען מען מאכט א שטרענגע רעכענונג און מען שטעלט זיך אליין פאר א שטרענגען ריכ־טער, וועלכער פרעגט: וואס האסט דוא אויפגעטאהן פאריגעס יאהר? וויא אזוי האסט דוא געלעבט פאריגעס יאהר? וואס האסט דוא געשאפען פאריגעס יאהר? מיט וואס קען דיין נאמען, דיין ווירקען און דיין שאפען פאריגעס יאהר פערבליי־בען פיר דיא דורות, וועלכע וועלען קו־מען נאך דיר?

ווער עס איז נור עפעס בעקאנט מיט דער קריעגס קונסט, דער וויים, וואס עס הייסט אן אלארם, (טרעוואגא). ווען א קעניג אדער אן אבער קאמאנדירענדער גענעראל וויל זעהן, אויב זיין ארמעע איז פארבערייטעט אויף אלע מעגליכע צופע־לע און פארפעלע, קומט ער גאר פלוצ־לונג, מייסטענס ביי נאכט, און הייסט פויקען אלארם (טרעוואגא), ווען דיא אר־מעע איז גוט פארברייטעט און גוט איינ־געאיבט, לויפט באלד יעדער סאלדאט מיט זיין גאנצעם קריעגס מאטעריאל און שטעלט זיך אויף זיין פלאץ, פיקס און פערטיג צו בעגעגענען יעדען פיינד. איז אבער דיא ארמעע שלעכט פארבערייטעט און ניט גוט איינגעאיבט, ווערט א מי־שענינע, יעדער לויפט, אבער ער וויסט ניט וואוהין צו לויפען; יעדער חאפט און נעהמט, וואס עס קומט איהם אין דיא הענד: איינער האט א ביקס, אבער קיין פולווער און קיינע קוגלען; דער אנדערער האט קוגלען אבער קיין ביקס.

ניט ווילענדיג מיז אזא גענעראל זא־גען: גליקליך איז דיא ארמעע, וועלכע איז פארבערייטעט פיר אן אלארם: אשרי העם יודעי תרועה.

דאס איז דיא ערהאבענע אידעע פון דעם יום תרועה. אונזער גרויסער לעה־רער, משה רבינו, האט בעשטימט א יום תרועה, אן אלארם טאג פאר יעדען איינ־ציגען אידען, וויא פיר דאס גאנצע פאלק, פיר יעדען איינציגען סאלדאט, וויא פיר דיא גאנצע ארמעע. עס איז א טאג פון א שטרענגער אברעכענונג, פון א שטרענ־גען דין, פון א וואהרען יום הדין, ווען יע־דער איינציגער, וויא דאס גאנצע פאלק מוז זיך אפגעבען רעכענונג, זיך שטעלען פאר דעם שטרענגסטען ריכטער—זיין

אייגענעם געוויסען — און אנטוואָרטען אויף פאָלגענדע פראגען: „וויא האסט דו פערבראכט פאריגעס יאהר? וואס האסט דו אויפגעטאהן פיר זיך און פיר אנדערע אין דעם פערגאנגענעם יאהר? וואס דענקסט דו צו טהאן אין דער צוקונפט, און נעכסטען יאהר?

דער פייטן, ווער עס איז געווען, ווייסען מיר ניט. מיר וויסען נור, אז ער האט עס אויסגעדריקט אין מעהר שעהנע ווערטער: „מלך ממלט מרעה ליודעי תרועה". דער גרויסער הערשער, דער וועלט גייסט, רעטעט פון יעדעם בייז דעם מענשען. וועלכער וויים, וואס אן אלארם בעדייטעט.

דער תלמוד האט זיך אויסגעדריקט אין זיין שעהנער בלומען־שפראכע: אין עם לוקה אלא אם כן אלוהה לוקה תחילה. קיין פאלק ווערט ניט בעזיעגט און עס ליידעט אן ערנידערונג, ווען ניט איהר גאט, איהר גייסטיגע קראפט ווערט פריהער געבראכען און ערניעדריגט.

זאלאנג עס לעבט נאך אין א פאלק דיעזע מעכטיגע קראפט, קען עס ניט געשלאגען ווערען, ניט ערניעדריגט ווערען. זא לאנג א פאלק פיהלט אין זיך נאך דיא קראפט צו ווירקען און צו שאפען, קען מען עס נור ניעדעריג בעהאנדלען, אבער ניט ערניעדריגען.

און וויא מיט דעם גאנצען פאלק, אזוי איז עס מיט יעדען איינציגען מענשען. זא לאנג אין דעם איינציגען מענשען גליהט נאך א פונק פון דיעזער קראפט און ער פיהלט נאך און פערשטעהט נאך, אז ער מוז עפעס טהאן און עפעס גוטעס טהאן פאר זיך און פאר אנדערע, איז ער נאך ניט געשלאגען. עס קען פארקומען א שווערע צייט, ער קען זיך געפינען אין שלעכטע אומשטענדע, ער קען זיך געפינען צווישען מענשען, וועלכע קרענקען איהם, בעלוידיגען איהם און בעהאנדלען איהם זעהר ניעדעריג, זיי קענען איהם דאך ניט ערניעדריגען. מלך ממלט מרעה ליודעי תרועה. ווער עס וויים דיא בעדייטונג פון אן אלארם, ווער עס פיהלט זיך גוט פארבערייטעט פיר אלע פעלע, דעם וועט שוין דער קעניג בעוואהרען פון בייזען.

דער ראש השנה, אדער וויא משה רבינו האט איהם גערופען יום תרועה, איז ווירקליך דער יום הדין, דער טאג פון דעם שטרענגסטען געריכט, וועלכעם יעדער מענש דארף און מוז האלטען איבער זיך אליין. וויא א קויפמאן מוז יעדעם יאהר איבעררעכענען זיין געשעפט און וויסען, אויב ער האט געוואונען אדער פערלארען, אזוי מוז יעדער דענקענדער מענש איבעררעכענען זיין מאראלישעס לעבען און זעהען, וויא פיעל ער האט געוואונען און וויא פיעל ער האט פערלארען.

ווען ער טהוט עס ניט, דאן וועה איהם! דאן האט ער זיך אליין ערניעדעריגט צום טהיר און ווען עס וועט פארקומען אן אלארם, א טרעוואגא, וויא זיא מוז פארקומען אין לעבען פון יעדען מענשען, וועט ער ניט וויסען, וואס עס טהוט זיך מיט איהם, וועט ער פערליערען זיין קאפ און וועט פערשווינדען אין דעם גרויסען שטראם פון פערניכטונג.

דער יום תרועה איז פיעללייכט דיא איינציגע אורזאכע, וועלכע האט אויפגעהאלטען דאס אידישע פאלק, און האלט עס נאך אויף ביז יעצט. גרויסע פעלקער, מעכטיגע קעניגרייכע און שטאלצע נאציאנען זיינען דארום אונטערגעגאנגען און זייער נאמען איז קוים געבליעבען אין דער וועלט־געשיכטע, ווייל זיי האבען ניט געהאט קיין יום תרועה. אין דיא צייטען פון זייער גליק זיינען זיי געווארען אזוי שטאלץ, אז יעדער האט געטראכט נור צו בעפרידיגען זיינע קערפערליכע בעדירפניסע און קערפערליכע פערגעניגען; אין דער צייט פון אונגליק, האט יעדער פערלארען דעם קאפ און האט זיך אונטערגעגעבען אונטער דעם ערשטען, בעסטען, וועלכער האט איהם פערשקלאפט.

דאס אידישע פאלק האט אנדערש **געלעבט אין דיא טעג פון זיין גליק און אויך אין דיא טעג פון זיין אונגליק און פון זיינע ליידען, ווייל עס האט געהאט**

א יום תרועה.

אין דיא טעג פון זיין גליק האט יעדער איינער געפיהלט דעם יום תרועה, ער האט אוועקגעווארפען אלעס אין דער וועלט און איז געקומען אין טעמפעל פון ירושלים בעטען, בערייען אלס שלעכטע, וואס ער האט געטאהן אין דעם פערגאנגענעם יאהר און זיך פעסט צו ענטשליסען זיך צו בעסערן! פיהרען אן אנדערעס לעבען דאס נעכסטע יאהר.

אין דיא צייטען פון אונגליק און ערניעדריגונג, אין דיא צייטען, ווען מען האט איהם פערפאלגט, ערניעדעריגט, פערשפאטעט, פערלאכט און בעליידיגט, איז ער געלאפען אין זיין שוהל אויסגיסען זיין הארץ פאר זיין גאט, זיך אויסוויינען, בעקענען דיא פעהלער, וועלכע ער האט בעגאנגען פאריגעם יאהר און זיך ענטשליסען זיך צו בעסערע אין נעכסטעם יאהר, און דאס האט איהם אויפגעהאלטען, דאס האט איהם גיגעבען קראפט אלעס איבערצוטראגען, אלעס אויסצושטעהן און אלעם אויסצוהאלטען.

און ער האט אויסגעהאלטען. דיא פינסטערע צייט איז פאראיבער, עס ווערט אימער העלער און העלער. ישראל איז יעצט א פאלק און וועט געווים מיט דער צייט פערנעהמען זיין פלאץ צווישען אנדערע [illegible], ווייל מלך ממלט מרעה ליודעי תרועה

— דיא —

איםיגראנטען

— פון —

לעאן קאברין

דיעזער ראמאן פון דעם בעוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און דראמאטורג לעאן קאברין איז איין אמת'ער פעריל אין דער אידישער ליטעראטור. אין איהם ווערט געשילדערט מיט ברענענדיגע פארבען דאס לעבען פון די אידישע אימיגראנטען אין אמעריקא, דער שווערער שטרייט, וואס די אימיגראנטען האבען צו פיהרען אין דיעזער לאנד פאר זייער עקזיסטענץ. דאן פיהרט דער פערפאסער פאר אונז ארויס אין דיזען ווערק א גאנצע גאלערעע פון טיפען און כאראקטערע, פון'ם לעבען אין אונזער אידישען קווארטאל.

אויך ווירד דארט געשילדערט ציוניסטען, אידישע אסימי־ליאטארס, סאציאליסטען, אנארכיסטען און אזוי ווייטער. אויסער דעם איז דער ראמאן אליין זעהר אנ'אינטערעסאנטער. די לעזער וואס ווילען זיך בעקענען מיט דער אידישער נאציאנאלער פראגע און מיט דער אידישער לאגע בכלל, דארפען לעזען

„די אימיגראנטען"

און די וואס זוכען אין א ראמאן אנ'אינטערעסאנטע האנד־לונג, אויפרעגענדע סצענען, וועלען דאס אלעס געפינען אין דיזען ווערק פון לעאן קאברין.

✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦

פרייז 30 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

לעצטע שריפטען

— פון —

מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

דיא לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאַלען און
ציימונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אבראַ
מאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אר
רישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט איז
עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אונד
שפאנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון
מענדעלי'ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד,
אונד דיזע שילדערונג אליין איבערשטייגט אללעס וואס ער האט פאַרהער
געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע" אונד
„פישקע דער קרומער" עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לעז
ען אונד שטודירען.

פרייז 35 סענט (פארטא פריי)

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street New York

— די —

ווייסע שקלאווין

— פון —

א. זאלאטארעווסקי

וועלכע ווערט געשפּיעלט מיט גרויס ערפאלג אין ליפּצין טהעאטער.

איז די גרעסטע דראמא אויף דער אידישער ביהנע.

די אינטערעסאנטסטע און שפּאנענדסטע האנדלונג פיר טהעאטער בעזוכער.

דער בעסטער מוסר פיר יונגע מיידלאך און אונערפאהרענע פרויען.

דער כוזשעט איז זעהר רייך אין ערהאבען און אזוי ווי אלס ווייסע שקלאווין ווערט געשפּיעלט פון אזא קינסטלערין ווי מאדאם ליפּצין האט עס ארויסגערופען א שטורם צווישען דעם גאנצען אידישען פּובליקום, דער טהעאטער איז טאג ווי נאכט געפּאקט און טיקעטס מוז מען קויפען מיט עטליכע וואכען א העד, פאטערס נעהמען מיט זייערע טעכטער און מענער זייערע פרויען און געהען זעהן דיזע וואונדערבארע דראמא אין ליפּצין טהעאטער, אום צו זעהן און בעגרייפען די פאלגען פון א לעבען פון זושאנדע און זיך אויסצוהיטען פון די ווייסע שקלאווין-הענדלער וועלכע זוכען אריינצוכאפּען אין זייער נעץ יונגע מיידלאך און אונערפאהרענע פרויען.

די ווייסע שקלאווין

איז א מייסטערהאפטע קריטיק און איז אזוי שטארק און ריהרענד דאס ווי שטארק אייערע נערווען זאלען ניט זיין קענט איהר זיך ניט צוריקהאלטען פון ניט צו פערגיסען טייכען טרעהרען.

אט דיזע שטארקע דראמא פיר וועלכע אלע קריטיקער בויגען די קעפּ און מוזען צוגעבען אז זא וואס איז נאך אויף דער אידישער ביהנע ניט אויפגעפיהרט געווארען, איז יעצט ערשיענען אין איין ערצעהלונגס-פארמע און קאסט

בלויז 5 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street,
New York.

עס איז ערשיענען א זאמלונג פון

ל. קאברין'ס

שריפטען.

ענטהאלט פאלגענדע דרייצעהן געוועהלטע שריפטען.

דער פערשטערטער שבת
ברוך דין אמת
אננא'ס מה נשתנה
אמעריקא ממזר
דושעני'ס כל נדרי
און ער האט ווידער געשמייכעלט
דער אמת

רחל'ע די שטומע
ברוך'קע
קארל מארקס
נאך גאר א גרינער
פארוואס סימאן וויל ניט חתונה האבען
וואוהין, וואוהין?

דאס בוך ענטהאלט 225 זייטען, געדרוקט אויף שעהנעם פאפיער אונד פיין געבונדען.

פרייז 25 סענט.

פארטא פריי.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.

דער אשמדאי

— פון —

לעאניד אנדרעיעוו

איבערזעצט פון מ. קאטץ.

דיזע דראמא איז די גרעסטע קונסט-ווערק וואס איז בעשאפען געווארען אין דיזען יאהר-הונדערט, עס איז א ווערק צו לערנען און שטודירען ערהאבענע געדאנקען, פילאזאפישע אבהאנדלונגען און אירדישע נייגונגען, און אלעס איז ווי מיט א שלייער פערדעקט אום דער לעזער אדער דער צושויער זאל ניט מיט אמאל פערבלענדעט ווערען פון די גלענצענדע און שטראהלענדע הערליכקייט וואס ליעגט אין דיזער ווערק.

דער אשמדאי ווערט פון אנפאנג פיר דעם לעזער זיין אביסעל שווער צו פערשטעהן אבער אז ער וועט האבען דורכגעלעזען די ערשטע סצענעס פארזיכטיג וועט ער דאן שטופענווייז אנפאנגען צו פערשטעהן און בעגרייפען די גוואלדיגע קונסט און קריטיק וואס ליעגט בעהאלטען אין דיזער ווערק, און אזוי ווי א מאגנעטישע קראפט וועט איהם ציהען צו לעזען אלץ וויטער און וויטער צו דערגרייכען די טיעפסטע געדאנקען וואס דער פערפאסער האט געוואלט דורכפיהרען.

דער אשמדאי איז ערשט מיט א יאהר צוריק ערשיענען פון פערפאסער'ס פעדער און אין דיזער קורצער צייט איז עס שוין איבערזעצט געווארען אין אלע וועלט-שפראכען און האט געמאכט די גרעסטע סענסיישאן אין אלע וועלט טהיילען, עס איז אויפגעפיהרט געווארען אין די גרעסטע טהעאטער-טעמפלען און איבעראל האט עס געמאכט דעם גרעסטען ערפאלג.

דער אשמדאי וועט אויך קירצליך אויפגעפיהרט ווערען אויף דער אידישער ביהנע פון די ליפצין טהעאטער קאמפאני און וועט אויך זיכער האבען דעם זעלבען ערפאלג.

דער אשמדאי איז פיין געדרוקט אויף א שעהנעם פאפיער און געפאסט אין א פראכטפאלען קאווער.

פרייז 25 סענט.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

דריי נייע ביכער

יעצט עבען ערשיענען!

קין'ס צואה.

פון א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז א קריטיק איבער דיא מענשליכע פעררארבענהייט, אונד צייגט וויא וויים דער מענש איז בלוט־דורשטיג אונד אז ער שטעהט נים פיעל העכער פון א ווילדעס טהיער. אונד אין דער זעלבער צייט איז עס א וויסענשאפט־ליכע ווערק, וועלכע מאכט אייך בעקאנט מיט פיעלע אינטערעסאנטע זאכען.

פרייז, 15 סענט.—פארטא פריי.

ניקאָלאַי דער ערשטער.

פון נ. מ. שייקעוויטש.

א ראָמאן פון דעם פערגאנגענעם אונד געגענווערטיגען אידישען לעבען אין רוססלאנד, וואו עס ווערט געשילדערט מיט ריכטיגע פארבען דיא לעצטע אידישע צרות אונד פאָגראָמען וואס אידען זיינען אויסגעשטאנען אין צארענלאנד.

פרייז, 10 סענט.—פארטא פריי.

פ א ו ס ט.

פאָן געטהע.

וועלכע איז א וועלט־בעריהמטע דראמא אונד א וועלט־בעריהמטע אָפּערא איז בעארבייטעט אין איין ערצעהלונג פארמע פון

א. ט אַ נ ע נ ב ו י ם.

דיעזע ווערק איז זעהר אינטערעסאנט אונד יעדער אידישער לעזער וואס האט נאך קיין מאל געזעהען אויפשפיעלענדיג דיעזע וועלט־בעריהמטע דראמא אין איין טהעאטער, קען האבען א פאָלשטענדיגען בעגריף פון דיעזע קונסטווערק ווען ער לעזט דאס בייא זיך אין הויז.

פרייז, 10 סענט.—פארטא פריי.

— פאָלשטענדינעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

וועטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפּראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פּרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלערונגען זיינען אביסעל אָבגעקירצט.

פּרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאַשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפּראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פּרייז, אין קלאָטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.

וויכטיג פיר רוסישע א —

אלעקסאנדראוו'ם

ענגליש־רוסישער ווערטער־בוך

וועלכער איז געדרוקט אין סט. פעטערסבורג (רוסלאנד) און איז אנערקענט אלס דער בעסטער און פאלשטענדינגסטער ענגליש־רוסישער ווערטער־בוך אין דער גאנצער וועלט.

אלעקסאנדראוו'ם ענגליש־רוסישער ווערטער־בוך

וועלכער ענטהאלט אלע ענגלישע ווערטער נאך'ן איי־בי־סי מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעצונגען אין רוסיש.

אלעקסאנדראוו'ם ענגליש־רוסישער ווערטער־בוך

וועלכער ווערט פערקויפט יעהרליך אין די טויזענדער עקזעמפליארען אין אלע ענגליש־שפרעכענדע לענדער צום הויכען פרייז פון 6 דאלאר א עקזעמפליאר.

אלעקסאנדראוו'ם ענגליש־רוסישער ווערטער־בוך

וועלכער ענטהאלט 900 זייטען אין גרויס פארמאט איז יעצט דא אין אמעריקא איבערגעדרוקט געווארען און ארויסגעגעבען אין א פראכטפאלע אויסגאבע, ער איז שעהן געדרוקט און פיין געבונדען און ווערט פערקויפט ספעציעל ביליג.

פרייז 2 דאלאר, פארטא פריי.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער

Hebrew Publishing Company,

83-85-87 Canal Street, New York.

[illegible] קעל שלים־מזל

א בוך פול מיט הומאר.

פון א. ד. אגוז.

דער פערפאסער פון „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", האט אונז יעצט מופה געווען מיט א נייע ווערק וועלכע הייסט „טוביה חייקעל שלים־מזל". אין דיזעז ווערק גיט ער אונז א טיפ פון א רוהיגען און געלאסענעם מענשען, וועלכער איז צופריעדען מיט גאט'ס וועלטעל און מיט אלעם וואס אויף איהר איז, און אויף אלע אונגליקען און פורעניות'ן וואס אויף איהם קומט, זאגט ער „גם זו לטובה". ער שרעקט זיך פאר קיין זאך ניט אפ און ווערט אויך פון קיין זאך ניט איבערראשט; ער קוקט אויף אלעם גלייכגילטיג, ער איז ניט פערזארגט און ניט פערהאוועט, ער איז ניט קיין אין להעשיר, ער וויל ניט נעהמען דאס גליק מיט גוואלד, ער טהוט זיין ארבייט און פיהרט זיין ביזנעס גאנץ געלאסען, טרייעט זיין בעסט אויף א נאטירליכען וועג צו מאכען אן ערפאלג, און ווען עס געהט שלים=מזל'דיג ווערט ער ניט פערצווייפעלט און זוכט עפעס אנדערש. ביי איהם איז ניט דאס, איז יענעס, איז ניט היינט, איז מארגען, איז ניט היי=יאהר, איז איבער א יאהר. ער גיט קיין מאל זיין האפנונג ניט אויף.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

האט זיין נאמען „שלים־מזל" כשר פערדיענט, ווייל ער איז נעבאך א שלים מזל פיעלייכט איינער אין דער וועלט, עס איז גאר זיין גלייכען ניטא. צו וואס ער נעהמט זיך און וואס ער טהוט און עס דוכט זיך אז אט, אט ווערט ער שוין אן עושר, לאזט זיך דערפון אויס א בוידעם, ער טהוט — דוכט זיך — גלייך און עס לאזט זיך אויס קרום, עס פאלט אלעם ביי איהם מיט די פוטער אראפ.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

איז א בוך פול מיט הומאר און וויטץ, אבער אין דער זעלבער צייט איז דאס אויך א קריטיק איבער אונזערע איינגעוואנדערטע ברידער, וועלכע האפען זיך אלע ווילע צו אנדערע פרנסות.

קויפט און לעזט דיזען בוך און איהר וועט זיך גוט אמוזירען, אויב איהר האט הנאה געהאט פון דעם פערפאסערס ערשטען בוך „חנה פעסיל'ס מענה=לשון", וועט איהר יעצט מעהר הנאה האבען פון זיין צווייטען בוך „טוביה חייקעל שלים=מזל".

פרייז 30 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.